STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04140

IDISHE UN HEBREYISHE LIEDER

Henry Lefkowitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע און העבּרעאישע
:: :: ליעדער. :: ::

(פאָלקס און נאציאָנאלע)

צוזאמענגעשטעלט און אראנזשירט פאר געזאנג

—— פון ——

הענרי לעפקאָוויטש

געזאנגס לעהרער פון די ניו יארקער נאציאָנאל-ראדיקאלע שולען.

ערשטער טהייל

ארויסגעגעבען פון

HENRY LEFKOWITCH

NEW YORK

Copyright 1917
By Henry Lefkowitch

אינהאַלט:

I.

Forrede	4	פאררעדע
Fin tzuzamenshteler	6	פון צוזאמענשטעלער
Vi tzu lesen di English buchshtaben	7	ווי צו לעזען די ענגלישע בוכשטאבען
Alef Beis .... Folks-Lied	8	אלף־בית .... פאלקס־ליעד
Michalke .... “	10	מיכאלקע .... "
Shikt der Har .... “	12	שיקט דער האר .... "
Nit kain gebetene....... “	14	ניט קיין געבעטענע .... "
Amol is geven a Maise.... “	16	אמאל איז געווען א מעשה .... "
Wieg Lied .... “	18	וויעג ליעד .... "
A Hezele .... “	20	א העזעלע .... "
Shoshanas Ya-kov .... “	22	שושנת יעקב .... "
Shlof main kind .... “	23	שלאף מיין קינד .... "
Frihling Lied, Mendelsohn	24	פריהלינג ליעד, מענדעלסאהן
Der Winter, Warshawsky	25	דער ווינטער, ווארשאווסקי
Di Mizinke oisgegeben, Folks-Lied	26	די מעזינקע אויסגעגעבען.. פאלקס־ליעד

II.

Dos lied fun broit, Warshafsky	28	דאס ליעד פון ברויט, ווארשאווסקי
Moishelach un Shlomelach, Brounoff	29	משה'לאך און שלמה'לאך, ברונאף
Di Altinke Fidele, Brounoff	30	די אלטיקטע פידעלע, ברונאף
Der Frihling, Hirshbein	31	דער פריהלינג, הירשביין
Zamd un Shtern ....Forlks-Motiv	32	זאמד און שטערען ...... פאלקס־מאטיוו
Di Gilderne Pave .... “	34	די גילדערנע פאווע ...... פאלקס־ליעד
Chanuka Licht, Lefkowitch	36	חנוכה ליכט, לעפקאוויטש
Nazional Gefihl, Lefkowitch	38	נאציאנאל געפיהל, לעפקאוויטש
Man nochal .... Folks-Lied	40	מה נאכל .... פאלקס־ליעד
Eliyohu Hanovi, Yidisher Nigen	41	אליאהו הנביא ...... אידישער נגון
Chad Gadyo, Piroshnikoff	42	חד גדיא, פיראזשניקאוו
Zemer Leshabos, Yidelsohn	44	זמר לשבת, אידעלזאן
Hatikvoh, Imber	46	התקוה, אימבער

פֿאָררעדע.

צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ערציהונג ווערט איצט ארויסגעגעבען א געזאנגס־ביכעל, א ביכעל מיט אידישע ליעדער, פאר אידישע שולעס. די פריינד פון דער פאָלקטימליכער אידישער ערציהונג דארפען די איצטיגע אויסגאבע בעגריסען אלס א העכסט פרעהליכע ערשיינונג.

ביז גאר דער לעצטער צייט האט די מוזיק אין דער אידישער שולע אינגאנצען געפעהלט. דאס אידישע קינד האט געלערנט פיעל תורה, אבער כמעט גאר קיין געזאנג ניט. דאס ביסעלע געזאנג, וואס דאס קינד האט שוין יא געלערנט אין חדר, איז געווען אזוי ארעם און, מיט דער אויסנאמע פון שיר השירים און דער הפטורה, אזוי מינארנע, אזוי אומעטיג. עס איז אמת, אז אין שוהל, ביים דאווענען, האט דאס אידישע קינד געהערט ניט ווענינ ניגונים, סיי פרעהליכע און סיי אומעטיגע. דאס אידישע קינד האט אויך געהערט געזאנג אין זיין עלטערן'ס שטוב אדער ביי שכנים. אבער יום טוב'דיג־רעליגיעזע געזאנגען, און אויף א יום טוב'ידגער שפראך, זיינען גאר ניט דאס וואס פשוט'ע, פרייע מוטערשפראך־פאָלקסליעדער און ה ע ר ע ן זינגען איז ווייט ניט דאסזעלבע ווי א ל י י ן זינגען. די פאָלקסשול ביי די אומות העולם האט דעם גרויסען ערציהונגס־ווערט פון פאָלקס־געזאנג, סיי פון שטאנדפונקט פון נאַ־ציאנאליזם און סיי פון שטאנדפונקט פון שפראך, שוין לאנג־לאנג אנערקענט: אין אידישען חדר און אין דער אידישער תלמוד תורה איז אבער פאר'ן ערציהערישען ווערט פון אידישען געזאנג קיין פערשטענדניס ניט געווען און בלויז די מאָדערנע העברעאישע שולע האט קוים אפגעגעבען א ברעקעל פלאץ פאר געזאנג.

ערשט די אידישע נאציאנאל־ראדיקאלע ערציהונג, וואס איז פאר זעקס יאהר ענטשטאנען גראד אין אמעריקא, האט די ערשטע ברייט און טיעף איינגעזעהן דעם ערציהונגס־ווערט פון דאס אידישע געזאנג, איבערהויפט פון דאס אידישע פאָלקס־ליעד און פאר זיי בעשטימט א זעהר חשוב'ען ארט אין איהרע שולען. דאס איז ניט געווען קיין פראבע ביי די גרינדער פון דער „נייער אידישער ערציהונג", נאר א טיעפע איבערצייגונג און מיט'ן גאנג פון די חדשים און יאהרען ווערט די דאזיגע איבערצייגונג נאך מעהר פערטיעפט. אויב די קינדער פון דער נאציאנאל־ראדיקאלער שולע האבען זי ליעב — וואס אין דעם איז גאר קיין ספק ניטא — איז עס דער עיקר צו פערדאנקען די ליעדער, איבערהויפט די פאָלקס־ליעדער, וואס זיי זינגען אין דער שולע. אויב די קינדער פון די דאזיגע שולען — וואס איז אויך איבער יעדען צווייפעל — האט ארייגעבראכט א מעהר אידישליכען גייסט אין)ם הויז פון זייערע עלטערן, איז עס הויפטזעכליך געווען מיט די ליעדער, וואס זיי האבען פון דער שולע

אריינגעבראכט איז שטוב. דאך דער געזאנג־לימוד אליין האט איז די נאציאנאל ראדיקאלע שולען פון תמיד אן געליטען דערפאר, וואס עס איז ניט געווען קיין פאסיג געזאנג־ביכעל. וואס מען וואלט געקענט אװעקלעגען ביי די קינדער אויפ׳ן טישעל. די ביז איצט עקזיסטירענדע ליעדער־זאמלונגען, מיט אדער אהן נאטען, זיינען ניט געװען געמיינט פאר דער שולע, און אפילו דער לעהרער האט די ליעדער געמוזט קלייבען פון פערשיידענע ביכער און העפטען. מחמת דעם אלעמען האבען די מייסטע נאציאנאל־ראדיקאלע שולען ארויסגעקוקט מיט דער גרעסטער נייגעריג־קייט אויפ׳ן טאג, ווען א געהעריג ביכעל מיט ליעדער וועט ערשיינען.

דאס איצטיגע ווערק, פון חבר הענרי לעפקאוויטש, וואס איז אייגענטליך דער ערשטער געזאנגס־לעהרער פון די ניו־יארקער נאצ. ראד. שולען, ערפילט גענוי דעם װאונש פון כמעט אלע לעהרער און טוערס פון די ניו־יארקער שולען. שוין אין איצ־טיגען ביכעל, — וואס איז נאר אן ערשטע טייל — געהען אריין גאנצע פינף־און־צוואנציג פון די ליעדער, אידישע און העבראאישע, וואס ווערען געזונגען אין אונזערע שולען. דעם ערשטען פלאץ פערנעמען אומגעפעהר עלף הארציגע, איינפאכע פאלקס־ליעדער: גאר די איינפאכסטע („מיכעלקו“. „שיקט דער האר“. „שושנת יעקב“ א.ז.וו.) דעם צווייטען—די פאלקסטימליכע (ווארשאווסקי׳ס צוויי ליעדער. שארקאנסקי׳ס „אל־טינקע פידעלע“. א. ז. וו.). דעם דריטען פלאץ פערנעמען די ליטעראריש־נאציאנאלע ליעדער („התקוה“. ראזענפעלד׳ס „חנוכה“ א. ז. וו.) די פינף־און־צוואנציג ליעדער. צווישען וועלכע עס זיינען דא געזאנגען פאר שבת, פסח, פורים און חנוכה, וועלען קלעקען יעדער שולע אויף א גאנץ יאהר, אויב ניט מעהר. און אין גיכען פערשפרעכט אונז חבר לעפקאוויטש די צווייטע טייל פון זיין געזאנגס־לעהר־בוך.

איך האף אז די נאציאנאל ראדיקאלע שולען, וועלכע האבען אזוי לאנג ארויסגע־קוקט אויף אזא ביכעל ווי דאס איצטיגע, וועלען זיך עס גלייך איינשאפען, סיי פאר די לעהרער און סיי פאר די קינדער. עס ווילט זיך מיר האפען, אז דאס ביכעל וועט אויך געפינען א וועג אין אלע אנדערע אידישע (און זאגאר אין מאנכע ניט־אידישע) שולען. דאס ביכעל מעג זיך אויך געפינען לעבען דער פיאנא פון יעדען אידישען הויז.

י״ג אדר, תרע״ז.

יואל ענטין

פון צוזאַמענשטעלער

די איצטיגע לידער־זאַמלונג, פון וועלכער דאָס איצטיגע ביכעל איז נאָר די ערשטע טייל, איז הויפּטזעכליך געמיינט פאַר די אידישע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולען. עס איז אמת, אַז אין ביכעל איז ניטאָ קיין איין ליעד, וואָס קען ניט געזונגען ווערען אויך אין אַנדערע אידישע שולען, אָדער אין סיי וועלכען אידישען הויז. דאָך די אַלע לידער ווערען שוין זייט יאָהרען געזונגען אין די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולען און די איצטיגע אויסגאַבע איז טאַקע פון זיי אַרויסגעוואַקסען.

אַלס געזאַנגס־לעהרער זייט אייניגע יאָהרען אין די ניו־יאָרקער שולען, האָב איך גאַנץ גוט געזעהן ווי דאָס געזאַנג ליידעט דערפון וואָס עס איז ניטאָ קיין פּאַסיג געזאַנג־ביכעל פאַר די קינדער. עס פעהלען ניט קיין לידער, אָבער זיי זיינען צוזייט און צושפּרייט איבער פיעלע זאַמלונגען, אידישע און העברעאישע, מיט און אָהן נאָטען, אַלע מיט לידער וואָס טויגען ניט פאַר קינדער. דער הויפּט צוועק פון מיין איצטיגער אַרבייט איז צו פערשאַפען די אידישע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולען אַ פּאַסיג טעקסט־בוך פון געזאַנג און דערמיט אַוועקשטעלען אין זיי די געזאַנגס־לעהרע אויף אַ בעסערען מצב.

אין דער ערשטער טייל קומען אַריין פינף־און־צוואַנציג לידער, וועלכע זיינען די איינפאַכסטע, גרינגסטע און בעליעבטעסטע וואָס ווערען געזונגען אין די ניו־יאָרקער שולען. צעהן זיינען פאָלקס־לידער, נאָך איינס, „מה נאכל“ איז אַן איבער־זעצונג פון פאָלקס־ליעד „אַז משיח וועט קומען“. הגם דאָ האָט עס אַן אַנדער מעלאָדיע: „אליהו הנביא“ איז אַ פאָלקס־ניגון. וואַרשאַווסקי'ס לידער זיינען אַזוי פאָלקס־טימליך, סיי מיט'ן טעקסט און סיי מיט דער מעלאָדיע, אַז זיי ווערען צווישען זיי אַפּט פערמישט. דאָסזעלבע איז אמת וועגען נאָך אייניגע לידער. „זמר לשבת“ (איז וועלכען עס הערט זיך אַזוי פּעיל קבלת־שבת'דיגעס), „חד גדיא“ און „חנוכה“ זיינען, צוזאַמען מיט „שיקט דער האַר“ און „שושנת יעקב“ די יום־טוב־לידער פון די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולען און יהואש'ס „נאַציאָנאַל געפיהל“ ווערט אין אַ צוויי־דריי ניו־יאָרקער שולען בעטראַכט אַלס אַ מין הימן. פון אַלע פיער־און־צוואַנציג לידער איז נאָר איין מענדעלסאָהן'ס „פריהלינג“ ניט אידיש. די מוזיק פון די אַנדערע לידער ווערט אַנגעגעבען ביי יעדען בעזונדער.

די פאָלקס־לידער פון די אַנדערע זיינען דאָ גענוי איבערגעגעבען אַזוי ווי זיי ווערען געזונגען און ווי זיי זיינען פערשריבען, סיי מיט דער מעלאָדיע און סיי מיט'ן טעקסט. איך האָב מיך ערנסט בעמיהט ניט דורכצולאָזען קיין איין גרייז. טאָמער האָב איך דאָך וועלכען ניט איז גרייז פערזעהן, בעט איך אום ענטשולדיגונג.

איך דאַנק אַלע חברים, וואָס האָבען מיר געהאָלפען אין דער דאָזיגער ניט גאָר גרינגער אַרבייט.

הענרי לעפקאָוויטש

ווי צו לעזען די ענגלישע בוכשטאַבען אין אידיש.

a, ah	אַ
o, oh	אָ
oi, oy	אוי
e, eh	ע
u, uh	ו (או)
i, ie	י
ei	יי (עי)
ai	יי (איי)
w, v	וו, ב
z	ז
ch	ח, כ
tz	צ
sh	ש
zh	זש
k	כּ, ק
tch	טש
s	ס, ת

.·. אלף בית .·.

פון ווארשאווסקי

ALEF BEIS



Oif dem pripetchik brent a faieril
Un in shtub is heis
Un der Rebe lernt kleine kinderlach
Dem Alef Beis
Un der Rebe lernt kleine kinderlach
Dem Alef Beis
Zeht zhe kinderlach, gedenkt zhe taiere
Wos ihr lernt do;
Zogt zhe noch amol,
Un take noch a mohl kometz Alef "O".
Zogt zhe........

אויף דעם פריפעטשיק ברענט א פייעריל
און אין שטוב איז היים
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף בית
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף בית
זעהט זשע קינדערלעך, גערענקט זשע טייערע
וואס איהר לערנט דא,
זאגט זשע נאך אמאל,
און טאקע נאך אמאל
קמץ אלף א !
זאגט זשע....

Lernt kinderlach, hot nit moire,
Yeder onfang is shwer,
Gliklich is der Yid wos lernt Toire
Wos darfen mir noch mehr?
Gliklich is der Yid wos lernt Toire
Wos darfen mir noch mehr?
Zeht zhe kinderlach........

Lernt kinderlach mit grois cheishek,
Azoi zog ich aich on,
Wer s'wet beser fun aich kenen Iwre
Der bekumt a fohn,
Wer s'wet beser fun aich kenen Iwre
Der bekumt a fohn,
Zeht zhe kinderlach........

Az ihr wet kinderlach, elter weren,
Wet ihr alein fershtehn,
Wi fiel in di oisiyos ligen trehren
Un wifiel gewein........
Wi fiel in di oisiyos ligen trehren
Un wifiel gewein........
Zeht zhe kinderlach

Az ihr wet kinderlach dem golus shlepen
Oisgemutshet zain,
Zolt ihr fun di oisiyos koyach shepen
Kukt in zei arain !
Zolt ihr fun di oisiyos koyach shepen
Kukt in zei arain !
Zeht zhe kinderlach.........

Oif'n pripetchik brent a faierl
Un in shtub iz heis
Un der Rebe lernt kleine kinderlach
Dem Alef Beis........
Un der Rebe lernt kleine kinderlach
Dem Alef Beis........
Zeht zhe kinderlach........

לערנט, קינדערלעך, האָט ניט מורא,
יעדער אָנפאנג איז שווער,
גליקליך איז דער איד. וואָס לערנט תורה
וואָס דארפען מיר נאָך מעהר?
גליקליך איז דער איד וואָס לערנט תורה
וואָס דארפען מיר נאָך מעהר?
זעהט זשע קינדערלעך....

לערנט, קינדערלעך, מיט גרויס חשק,
אזוי זאָג איך אייך אָן.
ווער ס'וועט בעסער פון אייך קענען עברי
דער בעקומט א פאָהן.
ווער ס'וועט בעסער פון אייך קענען עברי
דער בעקומט א פאָהן.
זעהט זשע קינדערלעך....

אז איהר וועט, קינדערלעך, עלטער ווערען,
וועט איהר אליין פערשטעהן,
וויפיעל אין אותיות ליגען טרעהרען
און וויפיעל געוויין......
וויפיעל אין די אותיות ליגען טרעהרען
און וויפיעל געוויין......
זעהט זשע קינדערלעך....

אז איהר וועט, קינדערלעך, דעם גלות שלעפען
אויסגעמוטשעט זיין,
זאָלט איהר פון די אותיות כח שעפען
קוקט אין זיי אריין!
זאָלט איהר פון די אותיות כח שעפען
קוקט אין זיי אריין!
זעהט זשע קינדערלעך....

אויפ'ן פריפעטשיק ברענט א פייעריל
און אין שטוב איז היים
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף בית.....
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף בית.

.: מיכאלקע .:

פאלקס ליעד

MICHELKE



Hob ich mir a kleinem Michalke,
Michalke,
Voint er in der langer gas
Macht er mir wos er will
Macht er mir wos er ken
Macht er mir a faifele, a faifele
Dos faifele macht ozoy,
Fiu, fiu, fiu, fiu, fiu, fiu,
Macht dos faifele.

האב איך מיר א קליינעם מיכאלקע, מיכאלקע
וואהנט ער אין דער לאנגער גאס.
מאכט ער מיר וואס ער וויל.
מאכטער מיר וואס ער קען;
מאכט ער מיר א פייפעלע, א פייפעלע
דאס פייפעלע מאכט אזוי,
פיו, פיו, פיו, פיו, פיו, פיו
מאכט דאס פייפעלע.

Hob ich mir a kleinem Michalke,
Michalke e. t. c.
Macht er mir a trombetchke, a trombetchke,
Di trombetchke mach azoy,
Tru, tru, tru, tru, tru, tru,
Macht di trombetchke
Fiu, fiu, fiu, fiu, fiu, fiu,
Macht dos faifele.

האַב איך מיר א קליינעם מיכאַלקע,
מיכאַלקע...... א. ז וו.
מאַכט ער מיר א טראָמבעטשקע,
טראָמבעטשקע,
די טראָמבעטשקע מאַכט אזוי
טרו, טרו, טרו, טרו, טרו, טרו,
מאַכט די טראָמבעטשקע.
פּיו, פּיו, פּיו.... א. ז. וו.

Hob ich mir a kleinem Michalke,
Michalke e. t. c.
Macht er mir a paikele, a paikele,
Dos paikele macht azoy
Trbom,-bom-bom, Trbom-bom,-bom.
Macht dos paikele
Tru-tru-tru.... e. t. c.

האַב איך מיר א קליינעם מיכאַלקע,
מיכאַלקע.... א. ז. וו.
מאַכט ער מיר פּייקעלע,
דאָס פּייקעלע מאַכט אזוי,
טרבאָם, באָם־באָם, טראָם, באָם־באָם,
מאַכט דאָס פּייקעלע
טרו, טרו, טרו.... א. ז. וו.

Hob ich mir a kleinem Michalke,
Michalke....e. t. c.
Macht er mir a fidele, a fidele,
Dos fidele macht azoy,
Fidel, nidel, fidel, nidel
Macht dos fidele.
Trbom-bom-bom....e. t. c.

האַב איך מיר א קליינעם מיכאַלקע,
מיכאַלקע.... א. ז. וו.
מאַכט ער מיר א פּידעלע, א פּידעלע,
דאָס פּידעלע מאַכט אזוי.
פּידעל־נידעל, פּידעל־נידעל,
מאַכט דאָס פּידעלע.
טרבאָם־באָם־באָם.... א. ז. וו.

∴ שיקט דער האַר ∴

פאָלקס ליעד

Shikt der Harr



Shikt der Harr a poyer'l in wald,
A poyer'l in wald,
Er zol di barelach raisen,
Er zol di barelach raisen,
Poyer'l will nit barelach raisen,
Barelach wil'n nit falen
Barelach wil'n nit falen

Shikt der Harr a hintele in wald,
A hintele in wald,
Er zol dem poyer'l baisen,
Er zol dem poyer'l baisen,
Hintele will nit poyer'l baisen,
Poyer'l will nit. . . .

שיקט דער האר א פויער'ל אין וואלד,
א פויער'ל אין וואלד,
ער זאָל די בארעלאך רייסען,
ער זאָל די בארעלאך רייסען,
פויער'ל וויל ניט בארעלאך רייסען
בארעלאך ווילען ניט פאלען
בארעלאך ווילען ניט פאלען.

שיקט דער האר א הינטעלע אין וואלד,
א הינטעלע אין וואלד,
ער זאָל דעם פויער'ל בייסען,
ער זאָל דעם פויער'ל בייסען,
הינטעלע וויל ניט פויער'ל בייסען,
פויער'ל וויל ניט....

Shikt der Harr a shtekele in wald,
A shtekele in wald,
Er zol dem hintele shlogen,
Er zol dem hintele shlogen,
Shtekele will nit hintele shlogen,
Hintele will nit. . . .

Shikt der Harr a faier'l in wald,
A faier'l in wald,
Er zol dem shtekele brenen,
Er zol dem shtekele brenen,
Faier'l will nit shtekele brenen,
Shtekele will nit. . . .

Shikt der Harr a waser'l in wald,
A waser'l in wald,
Er zol dem faier'l leshen,
Er zol dem faier'l leshen,
Waser'l will nit faier'l leshen,
Faier'l will nit. . . .

Shikt der Harr an exele in wald,
Ein exele in wald,
Er zol dos waser'l trinken,
Er zol dos waser'l trinken,
Exele will nit waser'l trinken,
Waser'l will nit. . . .

Shikt der Harr a shoychet'l in wald,
A shoychet'l in wald,
Er zol dem exele koylen,
Er zol dem exele koylen,
Shoychet'l will nit exele koylen,
Exele will nit. . . .

Shikt der Harr dem Malech Hamoves'l in wald,
Dem Malech Hamoves'l in wald,
Er zol dem shoychet'l shechten,
Er zol dem shoychet'l shechten,
Malech Hamoves'l will nit shoychet'l schechten,
Shoychet'l will nit. . . .

Geht der Harr alein in wald arain,
Alein in wald arain,
Er will dem Malech Hamoves'l schechten,
Er will dem Malech Hamoves'l schechten,
Malech Hamoves'l will shoin shoychet'l schechten,
Shoychet'l will shoin. . . .

שיקט דער האר א שטעקעלע אין וואלד,
א שטעקעלע אין וואלד,
ער זאָל דעם הינטעלע שלאָגען,
ער זאָל דעם הינטעלע שלאָגען,
שטעקעלע וויל ניט הינטעלע שלאָגען,
הינטעלע וויל ניט....

שיקט דער האר א פייער'ל אין וואלד,
א פייער'ל אין וואלד,
ער זאָל דעם שטעקעלע ברענען,
ער זאָל דעם שטעקעלע ברענען,
פייער'ל וויל ניט שטעקעלע ברענען,
שטעקעלע וויל ניט....

שיקט דער האר א וואסער'ל אין וואלד,
א וואסער'ל אין וואלד,
ער זאָל דעם פייער'ל לעשען,
ער זאָל דעם פייער'ל לעשען,
וואסער'ל וויל ניט פייער'ל לעשען,
פייער'ל וויל ניט....

שיקט דער האר אן עקסעלע אין וואלד,
אן עקסעלע אין וואלד,
ער זאָל דאָס וואסער'ל טרינקען,
ער זאָל דאָס וואסער'ל טרינקען,
עקסעלע וויל ניט וואסער'ס טרינקען,
וואסער'ס וויל ניט....

שיקט דער האר א שחט'ל אין וואלד,
א שחט'ל אין וואלד,
ער זאָל דאָס עקסעלע קוילען,
ער זאָל דאָס עקסעלע קוילען,
שחט'ל וויל ניט עקסעלע קוילען,
עקסעלע וויל ניט....

שיקט דער האר דעם מלאך המות'ל אין וואלד,
דעם מלאך המות'ל אין וואלד,
ער זאָל דעם שחט'ל שחט'ען,
ער זאָל דעם שחט'ל שחט'ען,
מלאך המות'ל וויל ניט שחט'ל שחט'ען,
שחט'ל וויל ניט....

געהט דער האר אליין אין וואלד אריין,
אליין אין וואלד אריין,
ער וויל דעם מלאך המות'ל שחט'ען,
ער וויל דעם מלאך המות'ל שחט'ען,
מלאך המות'ל וויל שוין שחט'ל שחט'ען,
שחט'ל וויל שוין....

∴ ניט קיין געבעטענע ∴

פאלקס ליעד

Nit Kein Gebetene



Copyright MCMXVII by Henry Lefkowitch

Nit kain gebetene
Alein gekumen;
Chotch an oreme,
Fort a muhme,
Orem iz nit gut,
Orem iz nit gut,
Lomir zich nit shemen
Mit eigene blut.

ניט קיין געבעטענע,
אליין געקומען;
חאטש אן ארימע,
פארט א מוהמע.
ארעם איז ניט גוט.
ארעם איז ניט גוט.
לאמיר זיך ניט שעהמען.
מיט אייגענע בלוט.

Sorele di rebetz'n
Di kahles a muhme,
Nit kain gebetene
Alein gekumen.
Orem iz nit. . . .

Shpielt mir a semele
Nit kain kozatzke;
Ich bin an oreme,
Ober a chvatske.
Orem iz nit. . . .

Gegeben a peimele,
Tzugenumen;
Shpielt mir a semele
Far a muhmen.
Orem iz nit. . . .

Nat aich a peiem,
Shpielt mir a semele;
Chaneles chosele
Ruft men Avremele.
Orem iz nit. . . .

שרה'לע די רבצין,
די כלה'ס א מוהמע;
ניט קיין געבעטענע,
אליין געקומען.
ארעם איז....

שפיעלט מיר א סעמעלע,
ניט קיין קאזאצקע;
איך בין אן ארעמע,
אבער א חוואטסקע.
ארעם איז....

געגעבען א פיימעלע —
צוגענומען;
שפיעלט מיר א סעמעלע,
פאר א מוהמען.
ארעם איז....

נאט אייך א פייעם,
שפיעלט מיר א סעמעלע;
חנה'לע'ס חת'לע,
רופט מען אברהם'עלע.
ארעם איז ניט....

אמאָל איז געווען אַ מעשה.

פאָלקס ליעד

Amol is geven a Maise



Amol iz geven a maise,
Di maise iz gornit frehlach;
Di maise heibt zich onet
Mit a Yidishen meilach,
Lulinke main feigele,
Lulinke main kind;
Ch'ob ongevoren aza liebe,
Veh iz mir un vind.

אמאָל איז געווען א מעשה,
די מעשה איז גאָר ניט פרעהלאך;
די מעשה הייבט זיך אנעט
מיט א אידישען מלך.
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע מיין קינד;
כ'האָב אנגעווארען אזא ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד.

Amol iz geven a meilach,
Der meilach hot gehat a malke,
Di malke hot gehat a waingorten,
Lulinke main kind.
Lulinke main feigele. . . .

Der waingorten hot gehat a boym,
Der boym hot gehat a tzwaig,
Der tzwaig hot gehat a nestele,
Lulinke, main kind,
Lulinke main feigele. . . .

Der nestele hot gehat a feigele
Dos feigele hot gehat a fligele,
Dos fligele hot gehat a feder'l
Lulinke, main kind,
Lulinke main feigele. . . .

Der meilach iz obgeshtorben,
Di malke iz gevoren ferdorben,
Der boym iz obgebrochen,
Dos feigele fun nest antlofen.
Lulinke main feigele. . . .

Vu nehmt men aza leiter
Wos zol halten tzehn eilen,
Vu nehmt men aza menshen
Wos zol shteren tzeilen?
Lulinke main feigele,
Lulinke, main kind,
Vu nehm ich aza dokter
Wos zol maine vunden heilen?

אמאָל איז געוועזן א מלך,
דער מלך האָט געהאַט א מלכה,
די מלכה האָט געהאַט א וויינגאָרטען,
ליולינקע מיין קינד.
ליולינקע, מיין פייגעלע...

דער וויינגאָרטען האָט געהאַט א בוים,
דער בוים האָט געהאַט א צווייג,
דער צווייג האָט געהאַט א נעסטעלע,
ליולינקע מיין קינד.
ליולינקע, מיין פייגעלע...

דער נעסטעלע האָט געהאַט א פייגעלע,
דאָס פייגעלע האָט געהאַט א פליגעלע,
דאָס פליגעלע האָט געהאַט א פעדער'ל
ליולינקע מיין קינד.
ליולינקע, מיין פייגעלע...

דער מלך איז אָבגעשטאָרבען,
די מלכה איז געוואָרען פערדאָרבען,
דער בוים איז אָבגעבראָכען,
דאָס פייגעלע פון נעסט אנטלאָפען.
ליולינקע, מיין פייגעלע...

וואו נעהמט מען אזא לייטער
וואָס זאָל האלטען צעהן איילען,
וואו נעהמט מען אזא מענשען
וואָס זאָל שטערען צעהלען.
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע מיין קינד,
וואו נעהם איך אזא דאָקטאָר
וואָס זאָל מיינע וואונדען היילען?

-.- וויעג ליעד -.-

פאלקס ליעד

Wieg Lied



ב'האב דיך, מיין קינד, שלאפען געלייגט
זאלסטו מיר שלאפען געזונטערהייט
געזונטערהייט זאלסטו מיר ליגען,
און איך וועל דיר זינגען, און איך וועל דיר וויגען
שלאף, מיין קינד, שלאף מיין קינד
דו זאלסט מיר לעבען און זיין געזינד...

דו האסט שוין דיינע אויגעלעך צוגעמאכט
ווי די שעהנע זון געהט אונטער פארנאכט
דו האסט שוין דיינע אויגעלעך אפען און דו
ווי די שעהנע זון געהט אויף אין דער פריה
שלאף מיין קינד...

דעם קייזערס אוצרות איז גאַר ניט אפּצוצאָהלען
די שעהנקייט פון מיין קינד איז גאַר ניט אפּצומאָלען
אזא מתנה האָט מיר גאָט געגעבען
עס זאָל מיר וואקסען, עס זאָל מיר לעבען,
שלאָף מיין קינד...

דעם קייזערס אוצרות מיט זיין גאנצע מלוכה
איז דאָך ביי מיר ניט אזוי פיעל ניחה
ווי דו ביזט ביי מיר ניחה מיט דיין ליכטיגע שיין
אז איך קוק דיך אָן איז די גאנצע וועלט מיין,
שלאָף מיין קינד...

Ch'hob dich, main kind, shlofen geleigt,
Zolstu mir shlofen gezunterheit,
Gezunterheit zolstu mir ligen,
Un ich vell dir zingen,
Un ich vell dich vigen,
Shlof main kind, shlof main kind,
Du zolst mir leben un zain gezund.

Du host shoin daine eigelach tzugemacht,
Vi di sheine zun geht unter farnacht,
Du host shoin daine eigelach ofen un tzih
Vi di sheine zun geht oif in der frih,
Shlof main kind. . . .

Dem keisers oitzres iz gornit optzutzohlen
Dos sheinkait fun main kind
Iz gornit optzumohlen,
Aza matone hot mir Got gegeben
Es zol mir vaksen, es zol mir leben,
Shlof main kind. . . .

Dem keisers oitzres
Mit zain gantze mliche
Iz doch bai mir
Nit azoi fil niche,
Vi du bist bai mir niche
Mit dain lichtige shain
Az ich kuk dich on,
Iz di gantze welt main.
Shlof main kind. . . .

⁖ אַ העזעלע ⁖

פאלקס ליעד

A Hezele



Copyright MCMXVII by Henry Lefkowitch

Bin ich mir a hezele,
A hezele oif der welt,
Shrekenish un pain,
Bin ich oisgeshtelt,
Shrekenish un pain,
Shrekenish un pain,
Fun der gantzer welt
Muz ich oisshtehn;
Bin ich mir an oreminker
Hezele alein.

בין איך מיר א העזעלע, א העזעלע אויף
דער וועלט.
שרעקעניש און פיין בין איך אויסגעשטעלט.
שרעקעניש און פיין, שרעקעניש און פיין
פון דער גאנצער וועלט מוז איך אויסשטעהן:
בין איך מיר אן ארעמינקער העזעלע אליין.

Geht zich mir der winter'l,
Der winter'l mit di groise shnee;
Vert doch mir wind un weh;
Wind un weh iz doch mir,
Wos ich hob nit kain kvartir:
Bin ich mir. . . .

Tu ich mir shtehn,
Shtehn oif'n hoichen barg,
Yogt doch mir der yeger zehr shtark;
Yogt er mir geshvind
Yogt er mir geshvind,
Un shikt oif mir di hind.
Bin ich mir. . . .

Do ver ich shoin gefangen,
Gefangen zehr gich,
Brengt men mich zum poritz oif'n kich
Shnaidt men mir
Dem baichele ain,
Trinkt men dernoch med un wain.
Bin ich mir. . . .

געהט זיך מיר דער ווינטער'ל,
דער ווינטער'ל מיט די גרויסע שנעע;
ווערט דאָך מיר ווינד און וועה;
ווינד און וועה איז דאָך מיר,
וואָס איך האָב ניט קיין קוואַרטיר.
בין איך מיר אַן אָרעמינקער העזעלע אַליין.

טו איך מיר שטעהן, שטעהן אויף'ן הויכען באַרג,
יאָגט דאָך מיר דער יעגער זעהר שטאַרק;
יאָגט ער מיר געשווינד, יאָגט ער מיר געשווינד,
און שיקט אויף מיר די הינד,
בין איך מיר אַן אָרעמינקער העזעלע אַליין.

דאָ ווער איך שוין געפאַנגענע, געפאַנגענע זעהר גיך,
ברענגט מען מיך צום פּריץ אויף'ן קיך,
שניידט מען מיר דאָס בייכעלע איין
טרינקט מען דערנאָך מעד און ווייַן.
בין איך מיר אַן אָרעמינקער העזעלע אַליין.

שושנת יעקב

פאלקס ליעד

Shoshanas yaª kov



Kum ich arain tzu shpringen
Oif a fisele loiz,
Heib ich on tzu zingen
Der dales iz mir grois,
Zingen mir, loiben mir,
Shoshanas Yaakov!
Zingen mir, loiben mir,
Shoshanas Yaakov!

Homon iz geven shuldig
Achashveiroish'n a choiv,
Hot men ihm gezogt
Di tliye iz oif'n hoif,
Zingen mir. . . .

Ferflucht zol veren Homon
Wos iz geven der ergster,
Gebensht zol veren Mordchai
Wos iz geven der bester,
Gebensht zol zain di malke
Wos hot geheisen Ester,
Zingen mir, loiben mir,
Shoshanas Yaakov!

קום איך אריין צו שפרינגען
אויף א פיסעלע לויז,
הויב איך אָן צו זינגען
דער דלות איז מיר גרויס,
זינגען מיר, לויבען מיר
שושנת יעקב.
זינגען מיר, לויבען מיר
שושנת יעקב!

המן איז געווען שולדיג
אחשוורש׳ן א חוב,
האָט מען איהם געזאָגט,
די תליה איז אויף׳ן הויף.
זינגען מיר.....

פערפלוכט זאָל ווערען המן,
וואָס איז געווען דער ערגסטער,
געבענשט זאָל ווערען מרדכי,
וואָס איז געווען דער בעסטער,
געבענשט זאָל זיין די מלכה,
וואָס האָט געהייסען אסתר,
זינגען מיר, לויבען מיר,
שושנת יעקב!

⁘ שלאף מיין קינד ⁘

פאלקס ליעד

Shlof Mein Kind



Shlof main kind
Ich vell dich vigen
Ich vell dir zingen
A sheinem nign
Shlof main kind in dain ruh
Mach zhe dain eigelach tzu.

Mach zei tzu
Un efen zei ob
A gezund dir
In dain kop
Shlof main kind in dain ruh
Mach zhe daine eigelach tzu.

שלאף מיין קינד,
איך וועל דיר וויגען.
איך וועל דיר זינגען.
א שעהנעם נגון
שלאף מיין קינד אין דיין רוה
מאך זשע דיינע אויגעלאך צו.

מאך זיי צו
און עפען זיי אב.
א געזונד דיר
אין דיין קאפּ.
מאך זשע דיינע אויגעלעך צו.
שלאף מיין קינד אין דיין רוה

- פריהלינג ליעד -

פון ריוועסוואז.

Frihling Lied

Mendelsohn



Iber felder fliht mein lied,
Un dos hartz heft zingen.
Zol dos lied nit weren mied
Un ohn oifher klingen!

Far dem frihling klingt main shir,
Yeder heren zol ihm.
Un der roiz zol er fun mir
Obgeben a "Sholom."

איבער פעלדער פליהט מיין ליעד,
און דאָס הארץ העלפט זינגען,
זאָל דאָס ליעד ניט ווערען מיעד,
און אָהן אויפהער קלינגען!

פאר דעם פריהלינג קלינגט מיין שיר,
יעדער הערען זאָל איהם.
און דער רויז זאָל ער פון מיר
אָבגעבען א „שלום".

דער ווינטער

פון ווארשאווסקי.

Der Winter



Oi helft mir, Kinder, unter,—
Kain koiches iz nito. . . .
Gekumen iz der Winter,
Der Winter is shoin do!

Er fregt keinem kain deyes,
Er kumt vi tzu zich aheim,
Mit der waiser bord un peyes,
Mit der waiser, groiser brem.

Durch tohl un welder yogt er,
Gehoikert tz der erd;
Mit zich a bezem trogt er—
Un kehrt, un kehrt, un kehrt!

Er will keinem nit shoinen,
Chotch shrai, chotch wein ohn shir....
Vu tzaar un elend woinen,
Dort klapt er in der tir.

Oi helft mir, kinder, unter,—etc.

אוי העלפט מיר, קינדער, אונטער, —
קיין כחות איז ניטא...
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דא!

ער פרעגט קיינעם קיין דעות,
ער קומט ווי צו זיך אהיים,
מיט דער ווייסער בארד און פאות,
מיט דער ווייסער, גרויסער ברעם.

דורך טהאל און וועלדער יאגט ער,
געהויקערט צו דער ערד:
מיט זיך א בעזעם טראגט ער: —
און קעהרט, און קעהרט, און קעהרט!

ער וויל קיינעם ניט שוינען,
חאטש שריי, חאטש וויין אהן שעור...
וואו צער און עלענד וואוינען,
דארט קלאפט ער אין דער טיר.

אוי העלפט מיר, קינדער, אונטער, א. ז. וו.

— די מעזינקע אויסגעגעבען —

פאלקס ליעד

Di Mezinke Oisgegeben

arr. by Henry Lefkowitch.



Hecher, beser
Di rod, di rod, macht greser
Grois hot mich Got gemacht
Glik hot er mir gebracht
Huliet kinder a gantze nacht
Di Mezinke oisgegeben.
Di Mezinke oisgegeben.

Shtarker, freilach
Du di malke, ich der meilach
Oi, Oi, Ich alein
Hob mit maine oigen gezehn
Vi gott hot mir matzliach geven
Di mezinke oisgegeben
Di mezinke oisgegeben.

Aizik mozik
Di bobe geht a kozik
Ohn ain-hore zeit nor zeit
Vi zi tupet, vi zi treit
Oi a simche, oi a freid,
Di Mezinke oisgegeben.
Di Mezinke oisgegeben.

העכער, בעסער,
די ראד, די ראד, מאכט גרעסער
גרויס האט מיך גאט געמאכט
גליק האט ער מיר געבראכט.
הוליעט קינדער א גאנצע נאכט:
די מעזינקע אויסגעגעבען
די מעזינקע אויסגעגעבען.

שטארקער פרייליך
דו די מלכה, איך דער מלך
אוי, אוי, איך אליין
האב מיט מיינע אויגען געזעהן
ווי גאט האט מיר מצליח געווען
די מעזינקע אויסגעגעבען,
די מעזינקע אויסגעגעבען.

אייזיק מזיק
די באבע געהט א קאזיק
אהן עין הרע, זעהט נאר, זעהט
ווי זי טופעט ווי זי טרעט,
אוי א שמחה, אוי א פרייד
די מעזינקע אויסגעגעבען
די מעזינקע אויסגעגעבען.

צווייטער טהייל

⁂ דאס ליעד פון ברויט ⁂

פון ווארשאווסקי

Dos Lied fun Broit



Groiser Got, mir zingen lieder,
Unzer hilf bistu alein,
Nehmt tzunoif di snopes, brider
Biz di zun vet untergehn.—
Nehmt tzunoif. . . .

Loz di Zun unz brihen, broten,
Zi hot unz geshaint tzum glik
Zeht dos broit iz unz geroten,
Kinder keinmol nit tzurik.
Zeht dos broit iz. . . .

Groiser Got du helfst dem menshen
Az er ruft tzu dir in noit,
Zolst unz take vaiter benshen
Mit hatzloche un mit broit.
Zolst untz take. . . .

Lozen unzere kinder wisen
Fun a leben oif der welt,
Az dos broit un yeder bisen
Iz fun unzer eigen feld.
Az dos broit. . . .

Groiser Got, mir zingen lieder
Unzer hilf bistu. . . .

גרויסער גאט מיר זינגען ליעדער,
אונזער הילף ביסטו אליין,
נעהמט צונויף די סנאפעס ברידער
ביז די זון וועט אונטערגעהן. —
נעהמט צונויף די סנאפעס ברידער
ביז די זון וועט אונטערגעהן. —

זאל די זון אונז בריהען, בראטען,
זי האט אונז געשיינט צום גליק,
זעהט דאס ברויט איז אונז געראטען,
קינדער קיינמאל ניט צוריק.
זעהט דאס ברויט איז אונז געראטען,
קינדער קיינמאל ניט צוריק.

גרויסער גאט, דו העלפסט דעם מענשען
אז ער רופט צו דיר אין נויטה,
זאלסט אונז טאקע ווייטער בענשען
מיט הצלחה און מיט ברויט.
זאלסט אונז טאקע ווייטער בענשען
מיט הצלחה און מיט ברויט.

לאזען אונזערע קינדער וויסען
פון א לעבען אויף דער וועלט,
אז דאס ברויט און יעדער ביסען
איז פון אונזער אייגען פעלד.
אז דאס ברויט און יעדער ביסען
איז פון אונזער אייגען פעלד.

גרויסער גאט מיר זינגען ליעדער. א. ז. וו.

משה׳לאך און שלמה׳לאך *

פון ביאליק

אונטער די גרינינקע בוימעלאך
שפּיעלען זיך משה׳לאך, שלמה׳לאך
ציצית, קאַפּאָטקעלאך, פּאה׳לאך
אידילאך פריש פון די אייערלאך.
גופים׳לאך, שטרוי, רויך און פעדערלאך,
נעם און צובלאָז זיי אויף גלידערלאך,
כאַפּען זיי אויף גרינע ווינטעלאך
און עם צוטראָגען זיי פויגעלאך...

נאָר איין זאך פערמאָגען זיי—אייגעלאך,
די אייגעלאך פערמאָגען צוויי פינטעלאך
וואָס גליהען און פינקלען און טוקען זיך,
און עפּעס ווי נביא׳ש און וואונדערליך
פער׳טראַכטען זיך טיעף און פערקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פייגעליך
אוי, מיר זאָל זיין, אידישע קינדערלאך
פאר אייערע בשר׳ע אויגעלאך!...

* דער מיוזיק פערלעגער ערלויבט ניט צו דרוקען די מיוזיק.

די אלטינקע פידעלע

פון שארקאנסקי

Die Altinke Fidele

Brounoff

Andante moderato.



איין אלטינקע פידעלע,
הענגט אויף דער וואנט,
דער שפּיעלער, א אידעלע,
נעמט איהר אין האנד.
בעריהרט ער דעם סמיקעלע,
ציטערט זיין הערץ,
און שפּיעלט ער א שטיקעלע,
קוועלט אויף זיין שמערץ.
בערירט ער דעם סמיקעלע...

זיין ברוסט גיט אן עפען זיך
און עס טריפט בלוט,
גערדאנקען פיעל טרעפען זיך,
אין דער מינוט.
זיין היים די פערצייטיגטע
קען ער און וויים,
זיין ליעבסטע די ווייטיגע
ליעבט ער נאך היים.
זיין היים די פערצייטיגטע...

א דער פריהלינג א

פון פרץ הירשביין

Der Frihling

Hirschbein

Arrang. fun Henry Lefkowitch



Der frihling gekumen,
Der shnee iz tzugangen,
Sitzt in a shtaigel
A foigel gefangen

Es klingt in di welder
Dem shniters gezangen
Stizt in a. . . .

Der tog iz avek
Di zun shoin fergangen
Sitzt in a. . . .

דער פריהלינג געקומען,
דער שנעע איז צוגאנגען
זיצט אין א שטייגעל
א פויגעל געפאנגען.

עס קלינגט אין די וועלדער
דעם שניטערס געזאנגען,
זיצט אין א.....

דער טאג איז אוועק
די זון שוין פערגאנגען,
זיצט אין א....

זאמד און שטערן

פון ש. פרוג

Samd un Shtern



Es shaint di levone;
Es glentzen di shteren;
Di nacht shvebt
Oi barg un oif tohl. . . .
Dos altitchke bichele
Liegt far mir ofen,—
Ich leien es, leien es
Toisende mohl.

עס שיינט די לבנה;
עס גלענצען די שטערען;
די נאכט שוועבט
אויף בארג און אויף טהאל...
דאס אלטיטשקע ביכעלע
ליגט פאר מיר אָפען, —
איך לייען עס, לייען עס
טויזענדע מאָל.

Ich leien di heilige,
Taiere werter,
Mir hert zich a shtime;
"Iche shver!—
Main folk, du vest zain
Vi di shteren in himel,
Vi zamd oif'n breg fun'm mehr. . . ."

איך לייען די הייליגע,
טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך א שטימע;
„איך שווער —
מיין פאלק, דו וועסט זיין
ווי די שטערען אין הימעל,
ווי זאמד אויף'ן ברעג פון'ם מעער..."

Riboinoi shel oilom!
Es vert nit ferfalen
Fun daine havtoches
Kain eintziges vort:
Mekuyem muz veren
Dain heiliger vilen,
Altz kum in zain tzait
Oif zain ort.

Un eins iz shoin take
Mekuyem gevoren—
Dos fihl ich,
Dos weis ich gevis:
Mir zainen gevoren
Vi zamd wos iz hefker,
Wos yederer tret mit di fis. . . .

Yo, Goteniu, emes,
Vi zamd un vi shteiner,
Tzushpreit un tzuvorfen
Oif shand un oif shpot. . . .
Nu ober di shteren,
Di lichtige, klore—
Di shteren, di shtern—
Vu zenen zei, Got?....

רבונו של עולם !
עס ווערט ניט פערפאלען
פון דיינע הבטחות
קיין איינציגעס וואָרט :
מקוים מוז ווערען
דיין הייליגער ווילען.
אלץ קומט אין זיין צייט
אויף זיין אָרט.

און איינס איז שוין טאקי
מקוים געוואָרען —
דאָס פיהל איך,
דאָס ווייס איך געוויס :
מיר זיינען געוואָרען
ווי זאמד וואָס איז הפקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יאָ, גאָטעניו, אמת,
ווי זאמד און ווי שטיינער,
צושפּרעיט און צוואָרפען
אויף שאנד און אויף שפּאָט....
נו אָבער די שטערען,
די ליכטיגע, קלאָרע —
די שטערען, די שטערען —
ווי זענען זיי, גאָט !...

די גילדערנע פאווע

פאלקס ליעד

Di Gildene Pave



Es iz gefloigen di gilderne pave	עס איז געפלויגען די גילדערנע פאווע,
In a fremden land,	אין א פרעמדען לאנד;
Hot zi ferloren di gilderne feder	האט זי פערלארען די גילדענע פעדער
Mit a groiser shand.	מיט א גרויסער שאנד.

Es iz nit azoy di gilderne feder
Vi di pave alein,
Es iz doch nit azoy der eidim
Vi di tochter alein.

Vi es iz biter main liebe muter
A feigele oif dem yam
Azoy iz biter main liebe muter
Bai a shlechten man.

Vi es iz biter main liebe muter
A feigele ohn a nest,
Azoy iz biter main liebe muter
Shver un Shvigers kest.

עס איז ניט אזוי די גילדערנע פעדער,
ווי די פאווע אליין,
עס איז דאך ניט אזוי דעם איידעם
ווי די טאכטער אליין.

ווי עס איז ביטער מיין ליעבע מוטער
א פייגעלע אויף דעם ים,
אזוי איז ביטער מיין ליעבע מוטער
ביי א שלעכטען מאן.

ווי עס איז ביטער מיין ליעבע מוטער
א פייגעלע אהן א נעסט,
אזוי איז ביטער מיין ליעבע מוטער
שווער און שוויגערס קעסט.

Chanuka Licht

Henry Lefkowitch



Copyright MCMXVII by Henry Lefkowitch

- חנוכה ליכט -

פון מאררים ראזענפעלד

א, איהר קליינע ליכטעלאך!
איהר דערצעהלט געשיכטעלאך,
מעשה׳לאך אהן א צאהל,
איהר דערצעהלט פון בלוטיגקייט,
בריה׳שאפט און מוטהיגקייט,
וואונדער פון אמאל.

ווען איך זעה אייך שמינקלענדיג,
קומט א חלום פינקלענדיג:
רעדט איין אלטער טרוים:
„איד, דו האסט געקריעגט אמאל,
„איד, דו האסט געזיעגט אמאל“ —
גאט! דאס גלויבט זיך קוים...

„ס׳איז ביי דיר א טאלק געוועז,
„ביסט אמאל א פאלק געוועז,
„האסט אמאל רעגיערט:
„האסט אמאל א לאנד געהאט,
„האסט אמאל א לאנד געהאט! —
אך! ווי טיעף דאס ריהרט!

א, איהר קליינע ליכטעלאך!
אייערע געשיכטעלאך
וועקען אויף מיין פיין:
טיעף אין הערץ בעוועגט עס זיך,
און מיט טרעהרען פרעגט עס זיך
וואס וועט איצטער זיין?...

Nazional Gefihl

Yehoash

Henry Lefkowitch



Copyright MCMXVII by Henry Lefkowitch

- נאַציאָנאַל געפיהל -

פון יהואש

איך ווייס א בלום, וואָס שפּראָצט און בליהט
וואָס וואַקסט אָהן טהוי, אָהן רעגען.
זי דאַרף קיין פרישע ווינטען ניט
קיין זון וואָס שיינט אנטקעגען.

זי וואַקסט אין שטורעם און אין שנעע
ווען אַלע בלומען שטאַרבען,
דער שטורעם גיט איהר זאַפט און קראַפט
גערוך און זיסע פאַרבען.

און ווען עס האַגעלט, דונערט, בליצט,
און שטאַרקע בוימער פאַלען,
דאַן הויבט זי ערשט צו לעבען אָן,
דאַן הויבט זי אָן צו שטראַהלען...

די בלום הייסט ליעבע צו דאָס פאָלק
זי שפּראָצט ארויס אין שטורעם,
זי ציהט חיונה פון איהר שמערץ
און נעהרט זיך מיט יסורים...

מה נאכל

שיר עממי

Ma nochal



Ma nochal baseudo,
Baseudo shel Moshiach,
Shor habor velivyoson ochol nochal,
Baseudo shel Moshiach.

Ma nishe baseudo,
Baseudo shel Moshiach,
Yayin hamshumor shose nishte,
Shor habor velivyoson....

Mi yelamdeinu toroh baseudo,
Baseudo shel Moshiach,
Mosheh Rabeinu yelamdeynu toroh
Yayin hamshumor. . . .

Mi yevorcheynu baseudo,
Baseudo shel Moshiach,
Aharon hakohein yevorcheynu,
Moshe Rabeynu. . . .

Mi yenageyn lonu baseudoh,
Baseudo shel Moshiach,
Dovid hamelech yenagein lonu
Aharon hakohein....

מאה נאכל בסעודה,
בסעודה של משיח
שור הבור ולויתן, אכול נאכל,
בסעודה של משיח.

מה נשתה בסעודה,
בסעודה של משיח,
יין המשומר שותה נשתה,
שור הבור....

מי יברכינו בסעודה,
מי ילמדינו תורה בסעודה
בסעודה של משיח,
משה רבינו ילמדינו תורה,
יין המשומר....

בסעודה של משיח,
אהרן הכהן יברכינו,
משה רבינו....

מי ינגן לנו בסעודה
בסעודה של משיח
דוד המלך ינגן לנו
אהרן הכהן....

אליהו הנביא

נגן יהודי

Eliyohu Hanovi



Eliyohu hanovi
Eliyohu hatishbi!
Eliyohu, Eliyohu
Eliyohu hagilodi!
Eliyohu hanovi
Eliyohu hatishbi!
Eliyohu, Eliyohu
Eliyohu hagilodi!
Bimheiro beyomeinu,
Bimheiro beyomeinu
Yovo eileinu
Im Moshiach ben Dovid

אליהו הנביא,
אליהו התשבי !
אליהו אליהו,
אליהו הגלעדי !
אליהו הנביא
אליהו התשבי !
אליהו, אליהו,
אליהו הגלעדי !
במהרה בימינו
במהרה בימינו
יבא אלינו
עם משיח בן דוד.

חד גדיא

מאת פיראזשניקאף

Chad Gadyo

Piroshnikoff



.·. חד גדיא .·.

אבינו הזקן הלך לשוק לפני שנה,
וגדי לבן, יפה וצח, בשני זוזים קנה.
בא החתול הגרגרן ויארב בגן,
נאץ בגדי את צפרניו ויטרפהו חי.
מעשה בגדי, מעשה בגדי, שמעו אבות, בנים.
יהיה, גדולים, מוסר לכם, תענוג לכם, קטנים,
חד גדיא, חד גדיא.

כעס הכלב על החתול אשר שפך הדם,
בקצף התנפל עליו ויחנקהו שם.
אך המקל ששם עמוד רגז מאד על זה,
על כלב זה קפץ פתים ויחבטו יפה.
מקהלה: מעשה בגדי....

האש גם היא לא סלחה שקל הרע,
לשון להבה שלחה אליו יתבלעו מהרה.
המים בראותם את זאת השתפכו אל כל צד
בהמלה ובקצף רב — ודאש כבתה מיד.
מקהלה: מעשה בגדי....

השור שבא מן המרעה אל מים כבר צפה,
שתה שתה כל המים ולא השאיר טפה.
השוחט התחיל משחיז את סכינו החד,
הפיל השור, כפת רגליו ואחר אותו שחט.

מקהלה: מעשה בגדי....
מלאך המות בא ביעף משוט בעולמות,
שם בשוחט רבבות עיניו—ויהי לגל עצמות
שלח ד' על המחבל מן השרפים שרף,
ומלאך המות עם חרבו בהבל פיו נשרף.
מקהלה: מעשה בגדי....

∴ זמר לשבת ∴

מאת ב י א ל י ק

Semer Leshabos

Arrang. fun Henry Lefkowitch



החמה מראש האלנות נסתלקה —
באו ונצא לקראת שבת המלכה
הנה היא ירדת הקדושה, הברוכה
ועמה מלאכים, צבא שלום ומנוחה.
באי, באי, המלכה! .
באי, באי, הכלה! —
שלום עליכם, מלאכי השלום!

קבלנו פני שבת ברננה ותפלה,
הביתה נשובה בלב מלא גילה,
שם ערוך השלחן, הנרות יאירו,
כל פנות הבית יזרחו, יזהירו.
שבת שלום ומברך!
שבת שלום ומברך!
באכם לשלום, מלאכי השלום!

שבי, זכה, עמנו ובזיוך נא אורי
לילה ויום — אחרי — כן תעברי,
ואנחנו נכבדך בבגדי חמדות,
בזמירות ותפלות ובשלש סעדות
ובמנוחה שלמה
ובמנוחה נעמה —
ברכוני לשלום, מלאכי השלום!

החמה מראש האלנות נסתלקה —
באו ענלוה את שבת המלכה.
צאתך לשלום, הקדושה הזכה —
דעי, ששת ימים אל שובך נתכה...
כן לשבת הבאה!
כן לשבת הבאה!
צאתכם לשלום, מלאכי השלום!

∴ התקוה ∴

מאת א י מ ב ר

Hatikvoh



1. כל עוד בלבב פנימה,
נפש יהודי הומיה,
ולפאתי מזרח קדימה,
עין לציון צופיה. —
עוד לא אבדה תקותנו,
התקוה הנושנה,
לשוב לארץ אבותנו,
לעיר בא דוד, דוד חנה.

2. כל עוד דמעות מעינינו
יזלו כגשם נדבות,
ורבבות מבני עמנו
עוד הולכים
אל קברי אבות. —
עוד לא אבדה....

3. כל עוד מי הירדן בגאון
מלא גדותיו יזלו,
ולים כנרת בשאון,
בקול המולה יפלו. —
עוד לא אבדה....

4. כל עוד חומת מחמדנו
לעינינו מופעת,
ועל חרבן מקדשנו
עין אחת עוד דומאת. —
עוד לא אבדה....

5. שמעו אחי, בארצות נודי
את קול אחד חוזינו:
כי רק עם אחרון היהודי
גם אחרית תקותנו. —
עוד לא אבדה....

ALPHA PRESS
478
266 GRAND STREET, NEW YORK